# חומש-לידער



## חוה און דער עפּלבוים

חוה שטייט פֿאַרן עפּלבוים.
דער זונפֿאַרגאַנג איז רויט,
וואָס ווייסטו, מוטער חוה, זאָג,
וואָס ווייסטו וועגן טויט?

דער טויט דאָס איז דער עפּלבוים
וואָס בייגט די צווײַגן מיד.
דער אָוונט-פֿויגל אויפֿן בוים
וואָס זינגט זײַן אָוונטליד.

אָדם איז אַוועק פֿאַר טאָג
אין ווילדן וואַלד אַליין.
אָדם זאָגט: „דער וואַלד איז ווילד
און יעדער ,ווילד' איז שיין".

נאָר זי האָט מורא פֿאַרן וואַלד.
זי ציט צום עפּלבוים.
און קומט זי נישט צו אים צו גיין,
קומט ער צו איר אין טרוים.

ער רוישט און בייגט זיך איבער איר.
זי הערט דאָס וואָרט „באַשערט".
פֿאַרגעס וואָס „ער" דער גרויסער „דער",
וואָס ער האָט דיר פֿאַרווערט.

און חוה רײַסט אַן עפּל אָפּ
און פֿילט זיך מאָדנע גרינג,
זי קרײַזט פֿאַרליבט אַרום דעם בוים,
ווי אַ גרויסער שמעטערלינג.

און „ער", וואָס האָט דעם בוים פֿאַרווערט,
ער זאָגט אַליין: „ס'איז שיין",
און האַלט נאָך אויף אַ רגע אויף
דאָס גרויסע זונפֿאַרגיין.

דאָס איז דער חלום יעדע נאַכט,
טאָ וואָס זשע איז די וואָר?
און חוה פֿילט ווי ס'טרערט דער בוים
אַראָפּ אין אירע האָר.

„וויין נישט, שיינער עפּלבוים,
דו רוישסט און זינגסט אין מיר
און דו ביסט שטאַרקער פֿונעם וואָרט,
וואָס וואָרנט מיך פֿאַר דיר".

און חוה נעמט דעם עפּלבוים
מיט ביידע הענט אַרום,
און איבער דער קרוין פֿון עפּלבוים
ציטערן די שטערן פֿרום...

לאָנדאָן, 1941

## *Eve and the Apple Tree*

She stands before the apple tree
While the red sun sets.
Mother Eve, what do you know,
What do you know of death?

Death, ah, death's the apple tree
Whose weary limbs bend down,
It is the bird upon the branch
Singing an evensong.

Adam's to the wild wood gone
At dawn into the wood.
Adam says, "The wood is wild
And all that's wild is good."

But Eve is frightened of the wood,
Prefers the apple tree,
And when she does not go to it,
It comes to her in dreams.

It rustles, it leans over her,
It says, "Beloved Eve,
Not every warning Word He speaks
Has to be believed."

In love, she plucks an apple—
She feels strangely light.
Round and round the tree she goes
Like a butterfly in flight.

And He Himself who warned her
Says, "The tree is fair."
And keeps the sunset lingering
Another moment more.

Each night, whether true or not,
*She dreams this dream:* A tear
Drops from the weeping apple tree
And falls into her hair.

"Lovely apple tree, don't weep,
I am your melody
And know your word is stronger far
Than the Word that's warning me."

Then Eve enfolds the apple tree,
She clasps it in her arms
While far above, the pious stars
Tremble with alarm.

1941

*Leonard Wolf*



## אבֿרהם אָבֿינו מוסרט לֿוטן

„לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז — פֿע!
דו שיכּורסט איעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק,
אָבער אָסור נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גביר.

האָסט שאָף און רינדער און ציגנבעק;
פֿאָלג מיך און פֿאָרכט זיך פֿאַר גאָט,
אויף יעדן ערל, וואָס זשליאָקעט זיך אָן,
זאָגט מען שוין: שיכּור ווי לוט.

כ'פֿאַרשטיי, מען מאַכט אַ כּוסע אַ מאָל
פֿרײַטיק צו נאַכטס בײַם טיש,
ווען סע ברענען די הייליקע שבת-ליכט
און מען עסט די געפֿילטע פֿיש.

אָבער נישט ווי דו, טאָג-איין, טאָג-אויס.
ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד!
סע פּאַסט פֿאַר האָווריל‏ע, דעם שבת-גוי,
אָבער אָסור נישט פֿאַר קיין ייִד.

באַטראַכט זיך וואָס וועט מען זאָגן אַ מאָל:
סע האָט אבֿרהם אָבֿינו געהאַט
אַ קרובֿ אַ שיכּור און וואָס אין דער קאָרט,
וואָס דאָס איז נאָך ערגער פֿון שמד.

און אַז מען שמועסט שוין, הער זשע מיך אויס,
ביסט דאָך אַ טאַטע — ווײ איז צו מיר,
צי אַרט דיך נישט, וואָס דער שדכן ווײַכט
ווי אַן עיפּוש דײַן שוועל און דײַן טיר?

וואָס אַפֿילו דער מינדסטער שנײַדעריונג
וויל נישט דײַן איידעם זײַן
און בײַ דײַנע טעכטער זילבערן די צעפּ
— און אַלץ איז כּדאַי צוליב ווײַן?

לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז — פֿע!
דו שיכּורסט איעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק,
אָבער אָסור נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גבֿיר."

## אַבְרָהָם אָבִינוּ מוֹכִיחַ אֶת לוֹט

״חַיָּב אֲנִי, לוֹט, לוֹמַר לְךָ – פֶּה!
כָּל לַיְלָה אַתָּה מִשְׁתַּכֵּר.
רַק אֶמֶשׁ עָרַכְתָּ בִּ׳צְבִי הַזָּהָב׳
סְקַנְדָּל שֶׁבּוּשָׁה לְסַפֵּר.

זֶה נָאֶה לְמַנֶּגֶר, שׁוּלְיַת־חַיָּטִים,
לְךָ – זֶהוּ עֵסֶק מַחְפִּיר.
לְךָ בָּנוֹת שְׁתַּיִם, וּבְלֹא־עַיִן־הָרָע
הִנְּךָ יְהוּדִי גְּבִיר.

וְיֵשׁ לְךָ צֹאן וּבָקָר וּתְיָשִׁים,
אַךְ כְּדַאי אָזְנְךָ לְגַלּוֹת:
עַל כָּל עָרֵל הַשּׁוֹתֶה לְשָׁכְרָה
אוֹמְרִים: שִׁכּוֹר הוּא כְּלוֹט.

מֵילָא, אָבִין, לוֹגְמִים כּוֹס־מַשְׁקֶה
בְּלֵיל־שַׁבָּת לִפְעָמִים.
דוֹלְקִים אָז נֵרוֹת־הַשַּׁבָּת הַקְּדוֹשִׁים,
וְדָג מְמֻלָּא טוֹעֲמִים.

אַךְ מִי זֶה כָּמוֹךָ סוֹבֵא יוֹם וָלֵיל?
הַאִם לְאָדָם לֹא נִמְאָס!
זֶה נָאֶה לְגַבְרִילוֹ, הַגּוֹי־שֶׁל־שַׁבָּת,
לִיהוּדִי – חָלִילָה וְחָס!

חֲשֹׁב־נָא מַה פַּעַם יֹאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת:
לְאַבְרָהָם אָבִינוּ – מַה צַּר!
הָיָה קָרוֹב שֶׁשַּׁתְיָן הוּא מֻפְלָג –
גָּרוּעַ מִשְּׁמָד הַדָּבָר!

וְאִם כְּבָר פָּתַחְתִּי, הַקְשֵׁב לְקוֹלִי:
הֲרֵי הִנְּךָ אָב – אוֹיָה לִי!
הַאִם לֹא אִכְפַּת לְךָ שֶׁיִּפְסַח
הַשַּׁדְכָן עַל סִפְּךָ כְּעַל סְחִי?

שֶׁאֲפִילוּ נִקְלֶה בְּשׁוּלְיוֹת־חַיָּטִים
לִהְיוֹת חֲתָנְךָ חָשַׁשׁ,
וּבְצַמּוֹת בְּנוֹתֶיךָ זָרְקָה הַשֵּׂיבָה –
וְכָל זֶה כְּדַאי בִּגְלַל יַיִ״שׁ?

חַיָּב אֲנִי, לוֹט, לוֹמַר לְךָ – פֶּה!
כָּל לַיְלָה אַתָּה מִשְׁתַּכֵּר.
רַק אֶמֶשׁ עָרַכְתָּ בִּ׳צְבִי הַזָּהָב׳
סְקַנְדָּל שֶׁבּוּשָׁה לְסַפֵּר.

זֶה נָאֶה לְמַנֶּגֶר, שׁוּלְיַת־חַיָּטִים,
לְךָ – זֶהוּ עֵסֶק מַחְפִּיר.
לְךָ בָּנוֹת שְׁתַּיִם, וּבְלֹא־עַיִן־הָרָע
הִנְּךָ יְהוּדִי גְּבִיר״.

## ABRAHAM SCOLDS LOT

Lot—it's disgusting—it's got to be said—
You and your nightly carouse—
Yesterday, in the "Golden Hart"—
What a terrible scandal that was.

Manger, the tailor, can do such things,
But it simply won't do for you.
You've a couple of daughters to raise, knock wood,
And besides, you're a wealthy Jew.

You've cattle and sheep and flocks of goat—
Take my advice—fear God.
Already, a swilling gentile is said
To be "As drunk as Lot."

I know how it is, on a Friday night,
To drink a cup or so
Of wine with fish, while the Sabbath light
Sheds a holy glow.

But how can one go on drinking
Day in, day out—like you.
It's all right for Havrillah, the Sabbath *goy*
But certainly not for a Jew.

Consider what will be said one day—
That the Patriarch Abraham's kin
Was worse than a convert—steeped in wine
And other kinds of sin.

They're saying already— Listen to me!
My God, don't you care what they think?
And you're a father . . . the matchmaker
Avoids your threshold like a stink.

Even the humblest tailor's lad
Considers himself too fine
To marry a daughter of yours—their braids
Turn gray—all for the sake of wine.

Lot—it's disgusting—it's got to be said—
You and your nightly carouse—
Yesterday, in the "Golden Hart" —
What a terrible scandal that was.

Manger, the tailor, can do such things,
But it simply won't do for you.
You've a couple of daughters to raise, you're rich,
Knock wood—and besides, you're a Jew.

## אַבֿרהם אָבֿינו פֿאָרט מיט יצחקן צו דער עקידה

די גראָע מאָרגן־דעמערונג
דעמערט איבער דער ערד,
דער אַלטער געטרײַער אליעזר שפּאַנט
אין וואָגן די קאַרע פֿערד.

אַבֿרהם טראָגט אויף זײַנע הענט
זײַן בן־זקונים אַרויס,
אַ פֿרומער בלאָער שטערן בליצט
איבער דעם אַלטן הויז.

„הײַדאַ אליעזר!" — דאָס בײַטשל קנאַלט
און אַט זילבערט זיך דער שליאַך.
(טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט,
זענען די וועגן פֿון תּנ"ך).

די גראָע ווערבעס פּאַזע וועג
אַנטלויפֿן אויף צוריק,
אַ קוק טון, צי די מאַמע וויינט
איבער דער פּוסטער וויג.

„וווּ פֿאָרן מיר איצטער, טאַטעשי?"
„קיין לאַשקעוו אויפֿן יריד"
„וואָס ועסטו מיר קויפֿן, טאַטעשי,
אין לאַשקעוו אויפֿן יריד?"

„אַ זעלנערל פֿון פּאָרצעלײַ,
אַ פּײַקל און אַ טרומייט
און פֿאַר דער מאַמען אין דער היים
אַטלעס אויף אַ קלייד."

אַבֿרהמס אויגן ווערן פֿײַכט,
ער פֿילט ווי דאָס מעסער בריט
אונטער דער זשופּיצע דאָס לײַב:
— שוין איין מאָל אַ יריד...

„אליעזר, בײַ דער וואַסערמיל
דאָרט זאָלסטו בלײַבן שטיין!
פֿון דאָרט וועל איך מיט יצחקלען
צו פֿוס שוין ווײַטער גיין."

אליעזר אויף דער קעלניע ברומט
און קוקט אַלץ אויפֿן שליאַך.
(טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט,
זענען די וועגן פֿון תּנ"ך).

## אַבְרָהָם אָבִינוּ מוֹלִיךְ אֶת יִצְחָק לַעֲקֵדָה

עוֹטְפִים הָאָרֶץ דִּמְדּוּמִים
שֶׁל שַׁחַר שֶׁעָלָה.
אֱלִיעֶזֶר הַזָּקֵן רוֹתֵם
סוּסִים לַעֲגָלָה.

בִּזְרוֹעוֹתָיו אָז אַבְרָהָם
אֶת בֶּן־זְקוּנָיו יִטֹּל.
מֵעַל לַבַּיִת הַיָּשָׁן
מַבְהִיק כּוֹכָב כָּחֹל.

״הַיְדָא, אֱלִיעֶזֶר!״ – הַשּׁוֹט מַצְלִיף,
הַדֶּרֶךְ תַּכְסִיף, תְּמַתַּח.
(עֲצוּבוֹת וְיָפוֹת, אוֹמֵר הַפַּיְטָן,
הֵן דַּרְכֵי הַתַּנַ״ךְ).

הָעֲרָבוֹת כְּסוּפוֹת־שֵׂעָר
בּוֹרְחוֹת בַּחֲזָרָה.
לִרְאוֹת הַאִם עַל עֶרֶשׂ רֵיק
בּוֹכָה הָאֵם מָרָה.

״לְאָן נוֹסְעִים, הוֹי אַבָּא׳לֶה?״
״לְלַשְׁקֶב, לַיָּרִיד״.
״וּמַה נִּקְנֶה שָׁם, אַבָּא׳לֶה,
בְּלַשְׁקֶב, בַּיָּרִיד?״

״חַיָּל־חַרְסִינָה שָׁם נִקְנֶה,
וְתֹף וַחֲצוֹצְרָה.
וּמֶשִׁי לְשִׂמְלָה לְאִמָּא
שֶׁבַּבַּיִת נִשְׁאֲרָה״.

דּוֹמְעוֹת עֵינֵי הָאָב. הוּא חָשׁ –
מִתַּחַת לַיַּרְכִית
הַמַּאֲכֶלֶת כֹּה תִּצְרֹב:
– הֲרֵי לְךָ יָרִיד...

״אֱלִיעֶזֶר, לְיַד טַחֲנַת־הַמַּיִם
הַסּוּסִים עֲצֹר!
מִשָּׁם אֲנִי וְיִצְחָק׳ל
בְּרֶגֶל נַעֲבֹר״.

אֱלִיעֶזֶר נוֹהֵם עַל הַדּוּכָן,
מַבָּטוֹ עַל הַדֶּרֶךְ נָח.
(עֲצוּבוֹת וְיָפוֹת, אוֹמֵר הַפַּיְטָן,
הֵן דַּרְכֵי הַתַּנַ״ךְ).

## ABRAHAM TAKES ISAAC TO THE SACRIFICE

The gray light of the dawning
Touches the earth with dawn.
Eliezer, the loyal servant, puts
The black team's harness on.

Taking the child in his arms,
Old Abraham shuts the door.
Over his ancient roof, there gleams
A blue and pious star.

"Up, Eliezer"—the whip rings out,
The road has a silvery look.
"Sad and lovely," the poet says
"Are the roads of the Holy Book."

The graying willows on the way
Run to the house again
To see if his mother weeps beside
The cradle of her son.

"Daddy, where are we going now?"
"To Lashkev—to the Fair."
"Daddy, what are you going to buy
At Lashkev—at the Fair?"

"A soldier made of porcelain,
A trumpet and a drum;
A piece of satin to make a dress
For mother who waits at home."

Abraham feels his eyes grow moist
And the steel knife pressing, where
It scalds the flesh beneath his shirt . . .
"It's going to be some Fair."

"Eliezer, stop at the water mill.
Stop for a while and wait.
Isaac, my son, and I will go
Alone from there on foot."

Eliezer sits on the driver's seat
And casts an anxious look.
"Sad and lovely," the poet says
"Are the roads of the Holy Book."

## הגר פֿאַרלאָזט אַבֿרהמס הויז

די בלאָקייט טאָגט אין פֿענצטער,
דער האָן האָט דרײַ מאָל געקרייט,
אין דרויסן הירזשעט דאָס פֿערדל
אין ווײַטן וועג געגרייט.

הגר שטייט אַ פֿאַרוויינטע
מיטן קינד אויף די הענט
און ס׳וואָגלען אירע אויגן
צום לעצטן מאָל אויף די ווענט.

דער בעל-עגלה דינגט זיך אין דרויסן
מיט אַבֿרהמען וועגן דעם לוין:
„לייגט צו, ר׳ אַבֿרהם, אַ זעקסער,
ס׳זענען דאָך צוויי פּאַרשוין.״

ס׳פֿערד שאַרט מיט די פּאַדקאָוועס
ווי ס׳וואָלט געטענהט: אַן עק!
אָט וועל איך אײַך ווײַזן, ייִדן,
ווי מען לערנט בלק אַ וועג.

„וויין נישט, ישמעאליקל טאַטע,
אַזוי איז אונדז שוין באַשערט,
אָט אַזוי פֿירן זיך די אָבֿות
מיט די לאַנגע פֿרומע בערד.״

זי זעט זיך שוין אַ פֿאַרלאָזטע
אויף אַ ווײַטן פֿרעמדן וואָקזאַל
און זי כליפּעט אירע טרערן
אַרײַן אין דעם טערקישן שאַל.

„הגר, גענוג שוין געיעלהט,
דו הערסט וואָס מען זאָגט, צי ניין!״
און הגר נעמט דאָס פּעקל
און לאָזט צו דער פֿור זיך גיין.

אָט שטייט ער אין זײַדענעם קאַפּל,
רב אַבֿרהם דער פֿרומער ייִד —
„צי פֿילט ער כאָטש, מאַמע געטרײַע,
מײַן ביטער דערשלאָגן געמיט?״

דאָס בײַטשל קנאַלט: לסוסתי!
און פֿאַר איר פֿאַרטרערטן בליק
שאַרן די הײַזער פֿון שטעטל
פּאַמעלעך זיך אויף צוריק.

און הגר נעמט פֿאַר אַן עדות
דעם הימל און די ערד:
אָט אַזוי פֿירן זיך די אָבֿות
מיט די לאַנגע פֿרומע בערד.

## הָגָר עוֹזֶבֶת אֶת בֵּיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם

בַּחַלּוֹן שַׁחֲרִית כְּחַלְחֶלֶת,
הַתַּרְנְגֹל קָרָא מִזְּמַן.
צוֹנֵף הַסּוּס מוּל הַפֶּתַח,
לַדֶּרֶךְ מוּכָן וּמְזֻמָּן.

הָגָר בּוֹכִיָּה עוֹמֶדֶת
וְהַתִּינוֹק עַל זְרוֹעָהּ.
בְּפַעַם אַחֲרוֹנָה עֵינָהּ אָז
עַל הַכְּתָלִים תּוֹעָה.

בַּעַל־הָעֲגָלָה מִתְמַקֵּחַ
וְטוֹעֵן בַּחוּץ בְּקוֹל רָם:
״הֵן שְׁנַיִם עָלַי לְהַסִּיעַ,
הוֹסֵף־נָא פְּרוּטָה, רֶבּ אַבְרָם!״

הַסּוּס בְּפַרְסוֹת רוֹקֵעַ,
כְּאִילוּ טוֹעֵן: יְהִי סוֹף!
אֶרְצָה לְגַמֵּא אֶת הַדֶּרֶךְ,
עָלֶיהָ שָׁעוֹט וְטָפוֹף.

״אַל תִּבְכֶּה, יִשְׁמָעֵאלִיק׳ל קְטִינָא,
כָּךְ עָלֵינוּ נִגְזַר מִן־הַסְּתָם.
כָּךְ אָבוֹת אֲדוּקִים יִנְהָגוּ
שֶׁאָרֹךְ וְנָאֶה הוּא זְקָנָם״.

רוֹאָה כְּבָר עַצְמָהּ נֶעֱזֶבֶת
בְּתַחֲנַת־רַכֶּבֶת זָרָה,
בַּסּוּדָר הַתֻּרְכִּי מְעֻטֶּפֶת,
וְהִיא מִתְיַפַּחַת מָרָה.

״הָגָר, דַּי לָךְ לְיַלֵּל כְּבָר,
שָׁמַעַתְּ מָה אוֹמְרִים לָךְ אוֹ לָאו?״
וְהָגָר אֶת הַצְּרוֹר נוֹטֶלֶת
וְלָעֲגָלָה תִּקְרַב.

עוֹמֵד הוּא בְּכִפָּה שֶׁל מֶשִׁי,
רֶבּ אַבְרָם, הָאָדוּק עַד־בְּלִי־דַי –
״הֶחָשׁ הוּא לְפָחוֹת, הוֹי אִמָּא,
אֶת לִבִּי הַנִּדְכָּא, הַדָּוָי?״

הַשּׁוֹט מַצְלִיף: הֵי לַדֶּרֶךְ!
וּמִבַּעַד דְּמָעוֹת הַמַּבָּט
מַבְחִין אֵיךְ חוֹמְקִים אֲחוֹרָה
בָּתֵּי־הָעֲיָרָה אַט־לְאַט.

וְהָגָר מְעִידָה עָלֶיהָ
שָׁמַיִם וְכָל צְבָאָם:
כָּךְ אָבוֹת אֲדוּקִים יִנְהָגוּ
שֶׁאָרֹךְ וְנָאֶה הוּא זְקָנָם.

## *Hagar Leaves Abraham's House*

The dawn is blue at the window,
Three times the rooster crowed.
Outside the horse is neighing,
Impatient for the road.

Hagar is worn with weeping;
Her child lies in her arms:
Once more she casts her eyes around
The gray, familiar room.

Outdoors, the teamster haggles
For his fare with Abraham:
"All right, six dollars, even,
After all, there are two of them."

The pony scrapes the gravel
As if it were saying, "Come on!
Give me a chance to show you
How to make the highway tame."

"This is our portion, Ishmael;
Darling, dry your tears.
This is the way of the Fathers
With their long and reverend beards."

She foresees herself abandoned
In a railroad waiting hall
In a foreign country and she sobs
Into her Turkish shawl.

"Hagar, stop that sniveling—
Woman, do you hear me or no?"
Hagar takes her bundle,
Hagar turns to go.

He stands with his silken cap on,
The pious Abraham—
"Dear mother, tell me, does he feel
My heart's defeated pain?"

The whip sings out; they've started.
She sees, through tear-rimmed eyes,
The village houses slowly
Scrape backward in a haze.

She takes the earth and heaven
To be her witnesses:
This is the way of the Fathers
With their long and reverend beards.

*Leonard Wolf*

*Based on Genesis 29:9 ff., Manger's Jacob displays the airs of a Western-educated Jew who lords it over his small-town relatives back home. He converses with Rachel in affected Germanized Yiddish, with touches of French thrown in for good measure.*

# יעקבֿ אָבֿינו באַגעגנט זיך מיט רחלען

יעקבֿ אָבֿינו שלעפּט זיך מיד
אין שפּעטן אָוונט אַרייַן —
אָט איז דער ברונעם דאָרטן לינקס,
דאָ מוז עס זיכער זייַן.

ער נעמט דאָס חומשל אַרויס:
„אַוודאי, אַוודאי דאָ —
איז ווי זשע קומט עס טאַקע, האַ,
וואָס זי איז נאָך נישטאָ?"

זי גייט, זי לויפֿט, איי פֿאָטערל!
מיטן קריגל אין דער האַנט,
נאָך שענער ווי אין חומש שטייט —
אַן אמתער באַרליאַנט.

„גוטן אַבענד, שיינע מאַדמאַזעל,
איך בין דאָ, וויסן זי,
אַ גר, אַ פֿרעמדער אין דעם אָרט,
דאָס הייסט, אַז נישט פֿון הי.

נאָר כ'האָב דאָ, פֿרייַליין, וויסן זי,
אייַן אָנקל אין דעם לאַנד,
ער מוז איהן, פֿרייַליין, וויסן זי,
אַוודאי זייַן באַקאַנט.

לבֿן הייסט ער, וויסן זי,
ער איז נישט אַבי ווער,
ביי אונדז אין שטעטל זאָגט מען אַז
ער אין אייַן מיליאָנער".

„לאַבאַן האַראַמי, יונגער מאַן,
דאָס איז דאָך מייַן פּאַפּאַ!" —

„אויב כ'האָב קיין טעות, וויסן זי,
זענט איר דאָס פֿרייַליין ראַ—"

„און איר זענט יאַקאָב, מייַן קוזען?"
און זי ווערט ווי צונטער רויט
און יעקבֿ טראַכט אין האַרץ ביי זיך
— אָ־וואַ, אַ וואַזשנע מויד!

זיי גיבן ביידע זיך די הענט,
אַ קילער אָוונטווינט
נעמט זיי ביידע פֿעסט אַרום
אַ רגע און — פֿאַרשווינדט.

## *The Patriarch Jacob Meets Rachel*

It's late in the evening. Bedraggled,
The patriarch plods his way.
"There is the well—the one to the left . . .
That's it . . . certainly."

He checks his pocket Bible . . .
It's clearly written, "There."
In that case, what's the matter?
Why isn't the girl here?

She comes. The pitcher in her hand,
She runs. "Ah, what a girl."
More lovely than the Bible says—
Indeed, a perfect jewel.

"*Bon soir,* my pretty *mademoiselle.*
I am an *étranger,*
That is . . . perhaps . . . *vous comprenez,*
I mean . . . I'm not from here.

However, Miss, I'm said to have
An uncle hereabouts.
It may be he's well known to you . . .
*Vous comprenez,* no doubt.

His name is Lavun . . . *c'est à dire,*
He's not just anyone.
He's said to be a millionaire
By all the folks back home."

"Laban Harami happens to be
No one but my *papa* . . ."

"Then *Mademoiselle,* unless I'm wrong,
You are my cousin Ra—"

"And you are Jacob, *mon cousin.*"
She blushes by the well,
While Jacob, in his secret heart
Thinks, God, she's beautiful.

Each takes the other by the hand.
A cooling evening wind
Swirls them in a firm embrace
One moment and is gone.

*Leonard Wolf*

## קין און הבֿל

„הבֿל, מײַן ברודער, דו שלאָפֿסט
און דו ביסט אַזוי וווּנדערלעך שיין,
אַזוי שיין ווי דו ביסט אַצינד
האָב איך דיך נאָך נישט געזען"...

„ליגט די שיינקייט אין מײַן האַק,
צי אפֿשר גאָר אין דיר?
איידער דער טאָג פֿאַרגייט,
זאָג, ענטפֿער מיר!" —

„הבֿל, ברודער, דו שווײַגסט,
ווי דער הימל און די ערד,
אַזוי שווײַגן טיף און פֿאַרקלערט
האָב איך דיך נאָך נישט געהערט."

„ליגט דאָס שווײַגן אין מײַן האַק,
צי אפֿשר גאָר אין דיר?
איידער דער טאָג פֿאַרגייט,
זאָג, ענטפֿער מיר!" —

„אַט שטיי איך נעבן דיר
און דו ביסט אַזוי אַליין,
אַזוי פֿרעמד און אָפּגעשיידט
האָב איך דיך נאָך נישט געזען".

„ליגט די פֿרעמדקייט אין מײַן האַק,
צי אפֿשר גאָר אין דיר?
איידער דער טאָג פֿאַרגייט,
זאָג, ענטפֿער מיר!" —

„קום, מוטער חוה, און זע,
ווי מײַן ברודער הבֿל ליגט,
אַזוי שאַ און שטיל און פֿאַרטראַכט
האָסטו אים נאָך נישט פֿאַרוויגט".

„ליגט די שטילקייט אין מײַן האַק,
צי אפֿשר גאָר אין דיר?
איידער דער טאָג פֿאַרגייט,
זאָג, ענטפֿער מיר!" —

„קום, פֿאָטער אָדם, און זע
דאָס רויטע שנירל בלוט,
וואָס שלענגלט זיך אויף דער ערד
און שמעקט אַזוי טרויעריק און גוט".

„ליגט דער טרויער אין מײַן האַק,
צי אפֿשר גאָר אין דיר?
איידער דער טאָג פֿאַרגייט,
זאָג, ענטפֿער מיר!" —

לאָנדאָן, 1941

## CAIN AND ABEL

Dost thou sleep, my brother Abel,
That thou art so wonderfully fair?
Never have I seen thee
As beautiful before.

Does the beauty lie in my ax,
Or is it, perhaps, in thee?
Before the day is done,
Speak—answer me.

Thou art still, my brother Abel,
As the heavens and the earth.
Such pensive silence, until now,
In thee I never heard.

Does the stillness lie in my ax,
Or is it, perhaps, in thee?
Before the day is done,
Speak—answer me.

I stand beside thee, here,
And thou art so alone.
Never before hast thou been
So strangely alien.

Does the strangeness lie in my ax,
Or is it, perhaps, in thee?
Before the day is done,
Speak—answer me.

Come, mother Eve, see how
My brother Abel lies still.
He never slept, so bemused,
In his cradle, for all of thy skill.

Does the stillness lie in my ax,
Or is it, perhaps, in thee?
Before the day is done,
Speak—answer me.

Come, father Adam, and look
At the scarlet ribbon of blood
That wriggles along the earth
And smells so sad and good.

Does the grief lie in my ax,
Or is it, perhaps, in thee?
Before the day is done,
Speak—answer me.

## אויפֿן שיידוועג

אויפֿן שיידוועג זינגט דער זומערווינט:
— די וועגן זענען אַלט,
איין וועג צום דאָרף, איין וועג צו גאָט,
דער דריטער וועג צום וואַלד.

דער וועג וואָס פֿירט צום ווילדן וואַלד,
דאָס איז דער וועג פֿון טויט.
דער וועג וואָס פֿירט צום שטילן דאָרף,
דאָס איז דער וועג פֿון ברויט.

## AT THE CROSSROAD

At the crossroad the summer wind sings:
— The roads are old,
one road to the village, one road to God,
the third road to the wood.

The road that leads to the wild wood
is the road of the dead.
The road that leads to the quiet village,
that is the road of bread.

דער דריטער וועג וואָס פֿירט צו גאָט,
דאָס איז דער וועג פֿון פֿרייד,
ווייַל גאָט איז פֿרייד און איבערפֿרייד,
גאָט איז אייביקייט.

נעמי האָרכט. איר האַרץ פֿאַרשטייט
וואָס ס׳זינגט דער זומערווינט,
זי האָט זייַן פּלאַפּל שוין געהערט
אין וויגל נאָך, אַ קינד.

זי אָטעמט טיף. סע שמעקט אין פֿעלד
מיט פֿריש־געשניטן היי,
פֿאַר וואָס זשע טוט דאָס שיידן איר
אַזש ביז צו טרערן וויי?

און נעמי זאָגט: „הערט, טעכטער, הערט,
וואָס ס׳האָט צו זייַן זאָל זייַן,
מיר פּראַוועט די לעצטע סעודה דאַ
מיט קאָרנברויט און ווייַן.“

זיי זעצן זיך בייַם ראַנד פֿון וועג
און פּראַוועט די סעודה שטיל,
פֿון דער ווייַטנס ווינקט צו זיי
די אַלטע פֿאַרלאָזטע מיל.

די אַלטע גוטע פֿאַרלאָזטע מיל
שטרעקט אויס די הענט צו זיי:
— איך האָב אייַך יאָרן געטרייַ געדינט,
פֿאַר וואָס טוט איר מיר וויי?

די ליפּעביימער פּאַזע וועג,
זיי זענען מיד און אַלט.
זיי רוישן הייַנט ווי אַלע מאָל
די בענקשאַפֿט צו דעם וואַלד.

די פֿרויען זיצן פּאַזע וועג
און פּראַוועט די סעודה שטום
און איבער די דרייַ אלמנה־קעפּ
פֿלאַטערן שוואַלבן פֿרום.

The third road leads to God,
is the way of felicity,
for God is joy and above joy,
God is eternity.

Naomi listens. Her heart knows
what the summer wind sings.
She had heard his babble
in her crib, as a nursling.

The field smells of fresh-mown hay.
She breathes deep.
Why does the parting hurt her so
that she must weep?

"Hear daughters, hear, what must be,
must be," Naomi said.
"We celebrate our last supper here
with wine and corn bread."

They sit down at the roadside
and eat the supper tranquilly.
From afar the old deserted mill
blinks at the three.

The old kind deserted mill
stretches out its hands to the three:
— Why do you hurt me so? For years
I served you loyally.

The roadside linden trees
are aging and depressed.
As always, today they rustle
their longing for the forest.

The women sit at the roadside
and mutely celebrate the meal.
And over the three widow-heads
pious swallows wheel.

*Belzhets was used by the Nazis during the Second World War as the site of a forced labor camp and, from March 1942, as an extermination center where some 600,000 Jews, many of them from the immediate area, were gassed. The poem evokes an imagined trial conducted by three famous Hasidic rabbis of the region whose kindness and reputation for charitable deeds had won them the title "Lovers of Israel."*

## די „אוהבֿי ישׂראל“ בייַם טויטנלאַגער בעלזשעץ

ר׳ משה לייב פֿון סאָסאָוו טייַטלט אויף די הויפֿנס אַש,
(דער שטורעם האָט אַקאָרשט דורכגעוויטערט)
זייַן באָרד ציטערט, זייַן לייַב און לעבן ביטערט:
— „נאַ, נעם און זע, אַך גאָטעניו טי נאַש“.

ר׳ וואָלף פֿון זבאַראַזש מורמלט: „הערט, רבותי, הערט!“
(זייַן קול איז ווי אַן אָוונט־פֿידל מיד)
— „דער אייבערשטער האָט זייַן ווייַנגאָרטן נישט אָפּגעהיט
אַ סימן: אָט די הפֿקר־הויפֿנס אויף דער ערד.“

ר׳ מאיר׳ל פֿון פּרעמישלאַן אויף זייַן אַלטן שטעקן אָנגעשפּאַרט
שטייט און וואַרט, פֿיבערנדיק און צערט:
„רבותי, לאָמיר זאָגן אַלע אויף אַ קול:

באַשאַפֿער פֿון די וועלטן דו ביסט מאַכטיק, מוראדיק און גרויס
נאָר מיר די גאַליציאַנער מעקן דיך אויף אייביק אויס
פֿון דער עדה אמתע ,אוהבֿי ישׂראל׳.“

## The "Lovers of Israel" at the Belzhets Death Camp

Reb Moyshe Leyb of Sossov points to the heaps of ash
(The storm is but recently weathered).
His beard trembles; his body and life are embittered:
"See, Lord. Ah, take a good look," he says.

"Listen, gentlemen, listen," Reb Volf of Zborosh murmurs;
His voice, like an evening fiddle, is tired—
"The Lord above has not looked well to his vineyard. . . .
Proof: These heaps abandoned on earth."

Trembling and feverish, Reb Meirl of Przemyslan
Waits, leaning on his old stick. "Gentlemen,"
He says, "Let us in unison call

To God, 'Creator of worlds, Thou art mighty and great,
But we Galician Jews forever erase
Your name from the list of true Lovers of Israel.'"

*Leonard Wolf*

ITZIK MANGER

## רחל גייט צום ברונעם נאָך וואַסער

רחל שטייט בײַם שפּיגל און פֿלעכט
אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ,
הערט זי ווי דער טאַטע הוסט
און סאָפּעט אויף די טרעפּ.

לויפֿט זי גיך צום אַלקער צו:
„לאה! דער טאַטע! שנעלו!"
לאה באַהאַלט דעם שונדראָמאַן
און ווײַזט זיך אויף דער שוועל.

דאָס פּנים בלייך און אויסגעצאַמט,
די אויגן רויט און פֿאַרוויינט.
„לאה, מאַכסט פֿון די אויגן אַ תּל,
גענוג שוין פֿאַר הײַנט געלייענט".

און רחל נעמט דעם וואַסערקרוג
און לאָזט זיך צום ברונעם גיין –
די דעמערונג איז בלאָ און מילד,
כאָטש נעם און כאַפּ אַ וויין.

זי גייט. און איבערן טונקעלן פֿעלד
בליצט שנעל פֿאַרבײַ אַ האָז.
– טשיריק! – אַ למד־וואָווניקל
טשיריקעט אין טיפֿן גראָז.

און אויפֿן הימל שעמערירט
אַן אוירינגל פֿון גאָלד:
„ווען ס'וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
אײַ, וואָלט איך זיי געוואָלט".

אַ פֿײַפֿל פֿײַפֿלט אין דער נאָענט:
טרילי, טרילי, טרילי –
און ס'שמעקט מיט דעמערונג און היי
פֿון אַלע שאָף און קי.

זי לויפֿט. שוין שפּעט. אין חומש שטייט:
בײַם ברונעם וואַרט אַ גאַסט,
די קאַץ האָט זיך געוואַשן הײַנט
און זי האָט הײַנט געפֿאַסט.

זי לויפֿט און ס'פֿינקלט איבער איר
דאָס אוירינגל פֿון גאָלד:
ווען ס'וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
אײַ, וואָלט זי זיי געוואָלט.

## RACHEL GOES TO THE WELL FOR WATER

Rachel stands by the mirror and plaits
her long black braids,
she hears her father cough
and wheeze on the stairs.

She runs up to the windowseat:
"Leah! It's father! Quick!"
And Leah comes to the door,
hiding her trashy book.

Her face is drawn and ashen,
her eyes red and weepy.
"Leah, you'll ruin your eyes,
you've read enough today."

And Rachel takes the pitcher
and starts off towards the well—
the twilight is blue and mild,
it makes you want to cry.

As she crosses the dark field
a rabbit flashes by.
Chirik!—a little cricket
chirps in the deep grass.

And in the sky there shimmers
an earring made of gold:
"If only there were two,
I'd like to have them both."

A piper whistles near her:
tri-li, tri-li, tri-li—
The air is full of dusk and hay
from all the cows and sheep.

She runs. It's late. The Good Book says:
a guest waits near the well,
today the cat has washed her face,
today she fasted too.

She runs. And high up sparkles
the earring made of gold:
If only there were two,
she'd like to have them both.

# ITZIK MANGER

## סאַנקט בעש"ט

זיצט דער בעל שם קעגן מיטן-נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
„די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באָרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָט'ס בלאָע האַנט".

ער הויבט זיך אויף און בלייבט פלוצים שטיין:
אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין.
ווער וויינט ביינאַכט, ווער וויינט אַצינד,
ווען ס'שלאָפט דער פויגל און ס'שלאָפט דער ווינט,
ווען ס'שלאָפט די כאַטע, און ס'שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט".

## SAINT BALSHEMTOV

In the middle of the night the Balshem rests
in his lonely room and reflects:
"The night is so holy, lovely, and deep,
that even the man who walks alone,
barefoot, over an alien land,
feels overhead God's blue hand."

He arises and remains stock-still.
A thin wail quakes at his windowsill.
Who weeps at night? Who now weeps,
when the bird sleeps and the wind sleeps?
When the hut sleeps and the wood sleeps?
Who drives the gold away from his dream?
"Listen," the strange wail he commands.
"Come and fall asleep upon my hands."

נאָר ס'ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

עפנט דער בעל שם די טיר און גייט
געוויר צו ווערן, ווער ס'שטערט די פרייד,
די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.
אָט דרימלט די שטאָט, אָט דרימלט דער טייך.
אָט דרימלט דאָס פעלד.
ווער-זשע וויינט אַצינד,
ווען ס'שלאָפט דער פויגל און ס'שלאָפט דער ווינט,
ווען ס'שלאָפט די כאַטע און ס'שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט".

But the wail trembles like a fiddle so thin,
thin as the spiderweb spiders spin,
as the death-bed sob of a child is thin
that tosses its little head in the wind.

The Balshem opens the door and goes
to discover who troubles the joy,
the joy and the dream of a world.
Here dreams the town. Here dreams the stream.
Here dreams the field.
Who then now weeps,
when the bird sleeps and the wind sleeps?
When the hut sleeps and the wood sleeps?
Who drives the gold away from his dream?
"Listen!" the strange wail he commands.
"Come and fall asleep upon my hands."

נאָר ס'ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

הויבט דער בעל שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,
זעט ער אַ גראָע כמאַרע וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט.
בלייבט דער בעל שם אַ רגע שטיין
און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין.

But the wail trembles like a fiddle so thin,
thin as the spiderweb spiders spin,
as the death-bed sob of a child is thin
that tosses its little head in the wind.

The Balshem lifts up his eyes —
lifts them glowing to the skies.
He sees a grey cloud lying brushed
over a star being crushed.
The Balshem stands for a moment there,
listens to the silvered despair.

דערנאָך הויבט ער אויף די ליכטיקע האַנט,
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט,
אוןווישט די גראָע כמאַרע אַוועק.
פלאַטערט דער שטערן באַפרייט פון שרעק,
פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט
אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט.
שמייכלט דער בעל שם: „דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו".

Then he raises his glowing hand —
raises to the sky his glowing hand,
and wipes the grey cloud away.
The star flutters freed from fear,
flutters and shimmers, sparkles and rings
through the air, as fine gold rings.
The Balshem smiles: "You rascal, you.
A world from its rest you have shaken askew."

מיט שטילע טריט גייט ער דאָן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויפן שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל־טרעל,
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפּן זון.
אויפן ערשטן גאָלדענעם טראָפּן זון.
און איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:

Then with soft steps he returns home,
home to his hut of brick and of loam,
and sits down upon his doorsill
and waits for the first bird trill
and waits for the first drop of sun,
for the first golden drop of sun.
And before the day rose overhead,
softly to himself he said:

„דאָס געוויין פון אַ ווערמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!"

און אַ ליכטיקער טראָפּן פאַלט אויף זיין האַנט
און קייקלט זיך אַראָפּ איבער זיין געוואַנט.

"The wail of a worm and of a grass,
the wail of a star and of a hare
can shake and shake out a world from its rest —
guard and protect them, Father up there."

Over his hands a gleaming drop flows
and rolls downward upon his clothes.

from Sarah Zweig Betsky _Onions and Cucumbers and Plums: 46 Yiddish Poems_ Wayne State University Press, 1958.